

# בהיכלא דמלכא

## שיחות קודש, וסיפורי חסידות שנשמעו מפ"ק מרן רביה"ק הברך משה זי"ע

# ביקור כ"ק אדמו"ר מתולדות יוסף פאפא ב"פ שליט"א

### יום ב' א' דחול המועד פסח שנת תשמ"ה לפ"ק

**השיחה נסתובב אודות מנהגו של מרן הישמח משה זי"ע שלא לאכול מצות במשך ימי הפסח**[א]

**רבינו:** מען האט חושש געווען[ב].

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** נאר ער[ג].

**אחד הנוכחים:** וואס איז דער טעם טאקע.

**רבינו:** דער **ישמח משה** האט דאך יא געגעסן מצות[ד].

**אחד הנוכחים:** די יום טוב'דיגע סעודות האט ער זיך נישט געוואשן?

---

**א.** כמ"ש **בתהלה למשה** (עמוד י"ב): "בחג הפסח הי' מחמיר מאוד, הוא לא אכל מצות כל ימי הפסח מלבד הזיתים אשר החיוב לאכול בשני לילות הראשונות". ועיין **בתהלה למשה החדש** (פרק ז') שהאריך מפי ספרים וסופרים בקפידות מרן הישמח משה זי"ע שלא לאכול מצה בכל ימי הפסח מחשש חימוץ, ועיין בשו"ת **שם עולם** (ח"א סי' מ"ח) ובשו"ת **דברי חיים** (ח"ג, נוספות סי' ד'). בתשובה להרה"צ רבי **ירוחם טייטלבוים** זצ"ל מטארנא, נכד מרן **הישמח משה** זי"ע, שצוה לו להתיר נדר על מנהג זה: "בנידון מנהגו שלא לאכול מצות ולא שום תבשיל בחג המצות, הנה לא נכון הדבר כך בזמנינו שהדור חלש ויש שמכך בוטל שמחת יום טוב, ולכך אל יעשה באופן אחר רק להתיר לו תיכף".

**ב.** **בשערי תשובה** (סי' ת"ס סק"י): "ויש שמחמירין ביותר שאין אוכלים מצה כלל אחר ליל הראשון, רק אוכלים למעדנים מיני תבשילין, והרבה נמנעים לעשות כן משום שמחת יום טוב, כי פתא סעדא דלבא, ועל אילו ועל אילו שלבם לשמים קורא אני (ישעי' ס', כ"א) ועמך כולם צדיקים".

**ג.** דהיינו שצאצאיו הק' זי"ע לא נהגו כן אחריו לעולם.

סיפר הגה"צ אבד"ק **טשענסקאוויץ** זצ"ל ('באילנא דחיי' ח"ה עמ' צ'): "באותן הימים [בימות החורף תשכ"א לפ"ק] עבר אאמו"ר [הגה"צ רבי יושע חיים טייטלבוים זצ"ל אבד"ק טשענסקאוויץ] ניתוח, וחזר לביתו מבית החולים ביום ערב פסח. הלכתי אז לבית האופה ד'סאטמאר להביא מצות של ער"פ לאאמו"ר זצ"ל, ופתאום הגיע רבינו לאפיית המצות.

**רבינו:** דער מהר"ם א"ש האט נאר געגעסן יום טוב און שבת[ה], שבת איז דא מער חיוב[ו].

### ונמשך המדובר אודות אמירת פסקא הא לחמא עניא בלשון ארמי

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** די מלאכים, מען זאגט בלשון ארמי[ז].

**רבינו:** כדי צו ווייזן אז דער באשעפער אליין[ח].

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** אז ער דארף נישט אנקומען צו די מלאכים זאלן מעלה זיין די תפילות. אין **זוהר**[ט] (ח"ב רעיא מהימנא מ' ע"ב) **שטייט** "זילו ושמעו סיפורא דשבחא דילי", ער זאגט פאר אלע מלאכים זיי זאלן גיין צוהערן די שבחים פון יציאת מצרים.

**אחד הנוכחים:** פארוואס שטייט נישט קומט, פארוואס שטייט 'זילו', גייט.

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** מען דארף נישט צוקומען אז די מלאכים זאלן מעלה זיין, ווייל עס שטייט דאך לבני ישראל עם קרובו (תהלים קמ"ח, י"ד), אידן זענען דאס נענטסטע צום באשעפער.

---

נגשתי לרבינו וספרתי לו שאאמו"ר חזר עכשיו לביתו מבית החולים. רבינו שאל אותי האיך הוא מרגיש ונתן ברכת קדשו, והוסיף ואמר לי שאיני צריך להמתין לקבל המצות של ער"פ שהוא ידאג שיביאו מצות לאאמו"ר ז"ל.

אמרתי לרבינו שאבי מתנהג כזקינו של רבינו מרן **הישמח משה** זי"ע, שלא לאכול מצות בכל ימי הפסח, מלבד הכזיתים בליל הסדר, כאשר ראה אצל רבו הגה"ק רבי **משה יוסף טייטלבוים** זצ"ל **מאוהעל**. ע"ז נענה רבינו ואמר: "דער זיידע, דער **ישמח משה**, האט טאקע נישט געגעסן קיין מצה גאנץ פסח, אויסער די כזיתים אין די ערשטע צוויי נעכט. אבער ביים זיידן, דעם **ייטב לב**, איז עס נישט געווען איינ'ג, נאר עס האט זיך געוואנדן יעדעס יאר לויט ווי ער איז געווען צופרידן פונעם מצות-באקן. אויב עס איז אים געפעלן דאס מצות-באקן, האט ער געגעסן פון די מצות גאנץ פסח; אויב נישט, האט ער געגעסן נאר די כזיתים אין ערשטע צוויי נעכט. ווידעה, דער טאטע ז"ל [דער **קדושת יום טוב**], האט יא געגעסן מצות גאנץ פסח און נישט אויסגעלאזט קיין שום סעודה". והוסיף רבינו, שכהיום יום יכולים לעשות הרבה יותר הידורים מלפנים. ולדוגמא הזכיר רבינו, שמלפנים הוצרכו לנקד המצות עם עצים קטנים, וכהיום יכולים לנקדם עם רעדלע"ך שהם יותר טוב ומהודה, כך שאינו דמיון כלל למה שהיה".

**ד.** בלילי הסדר, ועל כרחך שנקט שאינו חמץ.

**ה.** כמ"ש הרה"ק **מהרצ"ה מליסקא** זי"ע במכתב (הובא בסדר דרכי הישר והטוב דף ל'):

*שוכ"ט לכבוד ידיד ה' וידי"נ ה"ה הרב המאה"ג המפורסם כקש"ת מו"ה עמרם ישי [ביליצער] נ"י ויהל אבד"ק סערענטש יע"א*

*הנה אני שולח למעלתו נ"י את החטים של שמורה אשר הי' לו אצלי. והנה מה ששאל מעכת"ה בענין הנהגת אכילת מצה, הנה הרב הגאון מאוהעל זצ"ל ידעתי בבירור גמור שלא אכל מצה רק בב' לילות של החג, כל כך זיתים כפי המבואר בש"ע או"ח. והרב הגאון מאונגוואר זצ"ל הוא אכל גם בשבת ויו"ט, לפי שרצה לקיים סעודת שבת ויו"ט בפת, לפי שרצה לקיים סעודת שבת ויו"ט בפת, הגם שמסתמא גם זה לא אכל רק לצאת ידי חובתו ולא יותר. ע"כ בזה כל הרוצה לבחור יבחר, אם לנהוג כפי שנהג הרב הצדיק מאוהעל, או כפי הרב הצדיק מאונגוואר, אבל שלא לאכול בחוה"מ ודאי הוא ראוי ונכון לנהוג כן, כן נראה לדעתי הקלושה.*

*א"ד ידידו ואוהבו לנצח*

*הק' צבי הירש בהר"א ז"ל אבד"ק ליסקא יע"א*

ומיהו עי' בספר **זכרון יהודה** (אות קנ"ו), **ובתהל"מ החדש** (שם).

**ו.** כמבואר **בגמ'** (שבת קי"ז ע"ב): "אמר רבי אבא בשבת חייב אדם לבצוע על שתי ככרות, דכתיב (שמות ט"ז, ה') לחם משנה".

**וברמב"ם** (הלכות שבת פרק ל' הל' ט'): "חייב אדם לאכול שלש סעודות בשבת אחת ערבית ואחת שחרית ואחת במנחה, וצריך להזהר בשלש סעודות אלו שלא יפחות מהן כלל, ואפילו עני המתפרנס מן הצדקה סועד שלש סעודות, ואם היה חולה מרוב האכילה או שהיה מתענה תמיד פטור משלש סעודות, וצריך לקבוע כל סעודה משלשתן על היין ולבצוע על שתי ככרות, וכן בימים טובים".

**ז.** עי' בספר **אבודרהם** (סדר ההגדה ופירושה): "ומה שנהגו לאמרו בלשון ארמית, לפי שכולם היו מדברים בלשון ארמית ואין עמי הארץ מבינים לשון הקדש. ד"א כדי שלא יכירו מלאכי השרת שאנו מתפארים בכ"ז ויקטרגו עלינו ויזכרו עונותינו שאין אנו ראויין להגאל, שאין מלאכי השרת מכירין לשון ארמית (שבת י"ב ע"ב) כמו שפירשנו בקדיש".

**ח.** כן מתאמרא בשמיה דהרה"ק **מהרי"ד מבעלזא** זי"ע. וכן הוא בשיחת מרן זצ"ל עם הגה"צ **ראב"ד סאטמאר** זצ"ל (חוהמ"פ תשמ"ד): "אין לשון ארמי פון הא לחמא עניא, איז דאך דא וואס זאגן אז דער טעם אז ווייל דער רבונו של עולם קומט אראפ מיט די פמליא דיליה אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הק', און די מלאכים זענען דאך נישט נזקקין, ווייל מען ווייזן אז מיר רעדען צום אויבערשטן אליין".

**ט.** שנוהגין לומר בליל הסדר.

**רבינו:** מען קען אזוי זאגן אין זוהר ווייזט אזוי אויס, עס פאסט נישט צו זאגן 'בא'. ביי משה רבינו האט דער אייבערשטער געזאגט (שמות ז', כ"ו) 'בא אל פרעה', ער איז געווען גרעסער פון די מלאכים, עס איז נישט קיין קשיא, לא על ידי מלאך, ולא על ידי שרף, ולא השליח איז משה רבינו, ולא על ידי שליח, ווייל 'באו' איז א לשון פון זילותא כלפי מלכא צו זאגן בואו, ממילא כאטש דער אייבערשטער איז מיטגעגאנגען פאסט נישט דער אייבערשטער זאל זאגן פאר די מלאכים 'באו' קומט, משה רבינו איז געווען גרעסער פון די מלאכים, עס איז אויסגערעכנט מלאך און שרף און שליח, ביי די מלאכים וואלט נישט געפאסט צו זאגן 'באו'.

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** געווענליך איז דער אייבערשטער נישט ביי פרעה, ממילא האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו 'בא', לאמיר ביידע גיין, אבער ביי אידישע קינדער, איז דאך דער באשעפער כסדר ביי אידן, אויב אזוי פאסט דאך נישט אז דער באשעפער זאל זאגן קום, אז מען זאגט קום איז דאך פשט אז איך וועל אויך גיין דאס איז טייטש אז ביז יעצט בין איך נישט דארט געווען.

**רבינו:** דער אייבערשטער איז דאך איבעראל. אלעס האלט זיך[י].

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** מען זאגט דאך (בקדושה) ברוך כבוד ה' ממקומו, ווייל וואו הייסט **ממקומו** ווייל די שכינה איז דאך ביי די אידן, די מלאכים זאגן ממקומו ביי די אידן. דאס זאגט ער אויך ברוך כבוד ה' ממקומו, אידן זענען דאס נענטסטע ממקומו מיינט וואו ער איז, וואו איז ער ביי די אידן. דער **אפיקי יהודה** ברענגט א **מדרש** (ב"ר פס"ה כ"א) עס שטייט (יחזקאל ג, יב) ותשאני רוח ואשמע אחרי קול רעש גדול ברוך כבוד ה' ממקומו, זאגט דער מדרש משקילסתי אני וחברי, האב איך נאכדעם געהערט ווי ער זאגט ברוך כבוד ה' ממקומו, אזוי איז די שכינה געווען ביי די מלאכים, און זיי האבן דאך אלץ געלויבט, און נאכדעם וואס יחזקאל הנביא האט געלויבט, נאכדעם וואס איך האב געלויבט איז דאך די השראת השכינה געקומען צו מיר, ותשאני רוח ואשמע אחרי, נאכדעם וואס איך האב געלויבט, איז דאך די שכינה ביי מיר, האבן זיי געזאגט ברוך כבוד ה' ממקומו, ווייל אויב איז ער ביי זיי איז נישט שייך צו זאגן ממקומו, ער איז דאך דא, ממקומו פאסט זיך ווען ער איז ערגעץ אנדערש, ותשאני רוח ואשמע אחרי קול רעש גדול ברוך כבוד ה' ממקומו.

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** איך האב געקוקט אין דעם ספר אין דעם **ויגד משה**[יא], ער ברענגט א

---

**י.** א' מעקרי היסודות שהנחיל לנו הבעש"ט זי"ע בתורתו ומשנתו הוא שהקב"ה נמצא בכל דבר, אף בכל מאכל, אף בעץ ואבן, ואף בכל עבירה, ואף בהסטרא אחרא, דאם לא כן לא הי' מציאות וקיום לשום דבר להתקיים, ואל"כ נמצא שיש ח"ו שתי רשיות. ופירשו כן בפשטות את הפסוקים 'אין עוד מלבדו' (דברים ד', ל"ה), 'מלוא כל הארץ כבודו' (ישעי' ו', ג'), 'ומלכותו בכל משלה' (תהלים ק"ג, י"ט), 'ואתה מחיה את כולם' (נחמי' ט', ו'), ועוד. וכן פירשו כן בפשטות מה שאמרו **בתיקוני זוהר** (תיקון נ"ז) 'לית אתר פנוי מיניה'. ואכהמל"ב.

**יא.** בההסכמה של אביו הגה"ק בעל **ויחי יוסף מפאפא** זצוק"ל לספר **ויגד משה**, וז"ל אחר ההסכמה: "הנה ראיתי בסימן כ"ד אות ט"ז את אשר נשא ונתן במנהג הח"ס שנהג להוציא את כל המסובין בברכת המוציא כדי להוציאם בלחם משנה, והביא בסימן ב' אות ג' מהאשל אברהם מהגה"ק מבוטשוטש, שכתב דיוצאין מצות לחם משנה בשמיעה אף אם אינו יוצא בברכת הנהנין, ומברך בעצמו ברכת המוציא מ"מ יוצא מצות לחם משנה ע"י שליחות אף קודם נט"י. והנה מנהגינו הוא כהאשל אברהם, וכך הי' המנהג אצל הצדיקים ואצל רבותינו ז"ל. ולכאורה צ"ע להבין איך שייך על זה שליחות, הא במצוה שבגופו לא שייך שליחות, כידוע מדברי התוס' רי"ד שהובא בקצוה"ח חו"מ סי קפ"ב, ובשלמא אם יוצאין בברכת המוציא ע"י ששומע מן המברך אמרינן שומע כעונה, והו"ל כאילו הוא תפס לחם משנה בשעת ברכתו, אבל אם אין מכוון לצאת בברכתו ומברך ברכת המוציא לעצמו, איך מועיל השליחות של הבציעה. ונלענ"ד לקיים מנהג ישראל, דהנה על עיקר ענין לחם משנה יש להקשות, לפי מה דקיימ"ל בשו"ע סי רע"ד, דאין צריך לבצוע על שניהם, (דלא כרש"ל והגר"א שכתבו לבצוע שניהם), ואין תופסין לחם משנה בידם רק בשעת הברכה, איך יוצאין בזה, לפי מה דנקט הטו"ז בסי תרע"ח דלחם משנה חיובו

שיינע קשיא, עס איז דא א **שיטה**[יב] אז לחם משנה איז א דאורייתא, און ברכת הנהנין איז דאך נאר א דרבנן[יג], אויב אזוי ווי אזוי קען איך זאגן אז מען קען יוצא זיין לחם משנה מיט דער ברכת המוציא, דאס איז דאך א דאורייתא און דער ברכת הנהנין איז דאך נאר א דרבנן, אויב אזוי מוז עס זיין אויפ'ן פת גופא, קען דאך עס נישט זיין מיט דער ברכה אויב אזוי ווי אזוי קען מען עס יוצא זיין. זאגט ער, אלא מאי מוז מען זאגן ניין, דער טייטש איז אז די סעודה דארף זיך אנהייבן מיט לחם משנה, נאר וויבאלד די חכמים האבן קובע געווען אז מען זאל מאכן א ברכה, איז דאס געווארן די התחלת הסעודה, וויבאלד די סעודה מוז זיך אנהייבן מיט דעם, ממילא זאגט ער איז שוין גוט, אפילו אויב זיי זענען נישט יוצא מיט דער ברכה, וויבאלד די התחלת הסעודה פון דעם ראש המסובין האט זיך אנגעהויבן מיט דעם.

**רבינו:** דאס האט מען געזאגט אז מען מוז נישט עסן פון דעם פת [פון דעם בוצע].

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** ער זאגט והנכון מען זאל יא עסן, ער זאגט והנכון אז מען עסט יא. ביי אייך האט מען אויסגעטיילט פאר יעדן איינעם שטיקלעך מצה פון דעם לחם משנה?

**רבינו:** פסח האט מען זיכער נישט[יד]. ער זאגט דער **משנה ברורה**[טו] [שצריכין לטעום מהלחם משנה]. דער המוציא ביי א שלימה, אז ער האט א גאנצע ווער עס מאכט די ערשטע המוציא, זאגט די **גמרא** (ברכות מ"ז ע"א) זאגט מען זאל נישט טועם זיין, **לא יטעום עד שיטעום** המברך, זאגט **תוספות** (שם ד"ה אין המסובין), דער

הוא מדאורייתא, והלא כל עיקר ברכת הנהנין לפניה אינו מדאורייתא אלא מדרבנן, א"כ ליכא למימר דחיוב דאורייתא הוא על שעת הברכה, ועכצ"ל דחיוב דאורייתא הוא על הבציעה, ונראה דזה טעם הרש"ל והגר"א שכתבו לבצוע שניהם.

ונלענ"ד ביאזר הדברים לפי מנהגינו דחיוב דאורייתא הוא והתחלת הסעודה תהא על שתי ככרות, וכיון שתקנו חכמים ברכת המוציא, א"כ שעת הברכה מקרי התחלת הסעודה, ובאמת קודם שתקנו חכמים ברכה שלפניה הי' הבציעה התחלת הסעודה, אבל עתה הוי הברכה התחלת הסעודה, ולפי זה נראה המה שיוצאין בני ביתו בלחם משנה של בעה"ב, אינו מטעם שליחות, אלא דכיון דהם סימוכין על שולחן הבעה"ב, והם טפלים לו בסעודה הרי התחלת הסעודה שעושה הבעה"ב על לחם משנה, הוי גם לדידהו התחלת הסעודה, כיון דהם טפלים לו, ומטעם זה נכון המנהג שמדקדקין שיברכו ברכת המוציא על פרוסה הבאה מהלחם משנה שבירך עליו בעה"ב, דבזה מוכחא מילתא שהוא בצע הלחם משנה גם עבורם, והם טפלים לו בסעודה זו, וממילא מקרי התחלת סעודתן על לחם משנה, וע"פ סברא זו נלענ"ד דאף בלי שמיעת ברכת המוציא מבעה"ב ג"כ יוצאין ידי לחם משנה במה שהם מברכין על הפרוסה הבאה מהלחם משנה שבצע עליו הבעה"ב, דהבציעה שבצע הבעה"ב על לחם משנה הי' גם בשבילן, ומקרי התחלת סעודתן על לחם משנה, מפני שאין סעודתן סעודה בפע"צ אלא טפלים לסעודת הבעה"ב, וכמדומה דאצל הצדיקים שמנהגם לערוך סעודת שבת ויו"ט בבית המדרש אין בני ביתם שומעין ברכת המוציא של רבם (ואולי מדקדקין ליקח לעצמם לחם משנה), אלא משלחין להם מהלחם משנה שבירכו עליו, ע"כ עלה בדעתי ליישב המנהג מטעם שנתבאר, ומהיות טוב לעשות כמש"כ הא"א כנ"ל".

**יב.** **בטורי זהב** (או"ח סי' תרע"ח ס"ק ב'): "אבל הפת דלחם משנה הוא קודם ליין קידוש, דהא לחם משנה לכ"ע דאורייתא, כדאמר ר' אבא בפ' כל כתבי (הובא לעיל בהערה ו') דכתיב לחם משנה". ועי' שו"ת **חתם סופר** (או"ח סי' מ"ו) בשם **מנחת יעקב** (סי' ש"כ), **וערוה"ש** (סי' רע"ד סוף ס"א).

**יג.** עי' **בגמ'** (ברכות ל"ה ע"א), **ובתוס'** (שם ד"ה לפניו), **ובפני יהושע ובצל"ח** (שם). ועי' בספה"ק **ויואל משה** (מאמר לה"ק סי' י"ב), וכעי"ז כתב בספר **מכתב לחזקיהו** (להגאון בעל שד"ח ז"ל, ברכות שם).

**יד.** וכ"כ **בויגד משה** (סימן כ"ד אות כ"ח): "**ומנהג סיגעט** שעוד לפני ברכת המוציא היו מחלקים כזיתים להמסובים משאר מצות שהביאו לצורך זה, ואח"כ בירכו על הג' מצות שבקערה ואכלו מזה בעצמם". ועיי"ש בריש הספר שכתב: "מנהגי הגה"ק בעל קדושת יו"ט ז"ל אב"ד סיגעט שמעתי מפ"ק בנו אדמו"ר הגה"ק רבן של ישראל מוהר"י ט"ב שליט"א אב"ד סאטמאר יצ"ו, - ומנהגי הגה"ק בעל עצי חיים ז"ל אב"ד סיגעט שמעתי מבנו הגה"צ המפורסם מוהר"ר משה טייטלבוים שליט"א אב"ד סיגעט, - ובמקום שכתבתי סתם מנהג סיגעט הכוונה על שניהם הרב בעל קדושת יו"ט ובנו בעל עצי חיים ז"ל".

**טו.** **במשנה ברורה** (סימן קס"ז ס"ק פ"ג): "דאם אין לפני כל אחד מהמסובין לחם משנה, הרי הם צריכים לסמוך על הבוצע שיש לפניו לחם משנה, **ולטעום מאותו לחם**, ואינם רשאים לטעום קודם לו".

רבינו שמשון ביי א חתונה, האט ער מכבד געווען דעם חתן ער זאל מאכן דער המוציא, און ער האט נישט געווארט ביז ער האט געגעסן, ווייל ער האט געהאט פאר זיך. דאס שטייט אין **שולחן ערוך הרב**[טז] אז אפילו ער האט נישט קיין גאנצע, ער האט א פרוסה, זאל מען נישט טועם זיין, קומט דאך אויס אז ער איז מוציא דעם גאנצן עולם, אז ער וועט אנהייבן צו עסן, דער טעם איז פארוואס, מען דארף דאך מאכן אויף די שלימה, אויב האט יענער טועם געווען פריער, איז ווי גלייך דער פון די מסובין וואלט געגעסן פון דעם שלימה, אבער אויב וועט ער עסן קודם, איז דאך די שלימה נאך גאנץ, און ער עסט שוין איז די ברכה נישט ארויפגעגאנגען. אזוי שטייט אין **שולחן ערוך הרב.** ביי לחם משנה איז אויך דאס זעלבע, ער קען נישט עסן פאר יענער האט געמאכט א ברכה אויף דעם לחם משנה[יז].

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** דער **משנה ברורה** זאגט ארויס?

**רבינו:** די גאנצע איז רבי **משה שטערנבוך**[יח]. וואו איז ער היינט?

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** היינט איז ער אין ירושלים.

**רבינו:** ער האט אייביג ליב [לומר דברים מחודשים], זיינע ספרים זענען אינטרעסאנט.

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** ער איז שיין מבאר.

**רבינו:** אבער אלעמאל זאגט ער, און נארמאל אונזערע מצות, איז נישטא קיין כזית[יט].

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** עס ווענדט זיך וועלכע כזית.

**רבינו:** ער זאגט מצה מוז יעדער טועם זיין, מען קען דאך נישט, זאגט ער אז עס שטייט אזוי אין שולחן ערוך הרב, און אין משנה ברורה, האב איך עס נאכגעקוקט אין **משנה ברורה** שטייט טאקע אזוי עס איז אמת[כ], אבער אין שולחן ערוך הרב שטייט עס נישט[כא].

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** מיין טאטע[כב] האט יא געגעבן פאר יעדן א שטיקל.

**רבינו:** פסח האט ער געגעבן פאר יעדן איינעם א שטיקל?

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** ער האט געמאכט קודם המוציא, און נאכדעם האט ער גענומען די

---

**טז. בשולחן ערוך הרב** (סימן קס"ז סעיף כ'): "אין המסובים רשאים לטעום עד שיטעום הבוצע, כגון אם הם רוצים לחתוך מן הלחם שבצע ממנו הבוצע, ולטעום קודם שיטעום הוא, אבל הוא לא יתן להם כלל קודם שיטעום, שלא להפסיק בשהיית נתינה זו בין ברכה לאכילה שלא לצורך, שהרי הם אינם רשאים לטעום מה שנותן להם עד שיטעום הוא תחילה. ואם כל אחד אוכל מככרו ואין זקוקים לככר שביד הבוצע, רשאין לטעום מככרותיהם קודם שיטעום הבוצע מככרו, רק שימתינו עד שיכלה אמן מפי רוב העונים, כמו שהבוצע צריך להמתין, כמו שנתבאר למעלה, ובשבת ויום טוב צריך להיות לפני המסובין לחם משנה חוץ ממה שלפני הבוצע, ואז רשאין לטעום קודם הבוצע, שאל"כ זקוקים הם לככר שלפני הבוצע לצאת בהן ידי חובת לחם משנה (**וגם בחול צריך להיות לפניהם ככר שלם כמו לפני הבוצע, שאל"כ זקוקים הם לככר שלם שלפני הבוצע, שכיון שיש על השולחן פת שלימה אסור לבצוע על הפרוסה** אלא על דרך שיתבאר בסי' קס"ח)".

**יז.** כוונת מרן זצ"ל להביא ראי' שיוצאין חובת לחם משנה ע"י ששומעין הברכה מפי הבוצע, ואי"צ לאכול תחלה מאותו הלחם, דוגמת הדין של שלימה דמבואר שצריכין לשמוע הברכה מפי הבוצע, ובזה יוצאין.

**יח.** שהאריך בדין לחם משנה בליל הסדר, בספרו **הגדש"פ מועדים וזמנים** (עמ' צ"א ואילך).

**יט.** הכוונה, שאין די כזיתים לחלק להמסובין שיגיע להם כזית מן הלחם משנה

**כ.** הובא לעיל (הערה ט"ו).

**כא.** במועדים וזמנים מצויין בטעות במקום רע"ד תע"ד וגם בסי' קס"ז לא כ' כן,

אבל באמת נמצא כן בשועה"ר סי' רע"ד סעי' ד', וז"ל: "אין המסובין רשאים לטעום עד שיטעום הבוצע אם הם זקוקים לככרו דהיינו שאין להם לחם משנה לפני כל אחד **והם יוצאים ידי חובתם במה ששומעים ממנו ברכת המוציא שמברך על לחם משנה ואוכלים מאותו לחם משנה**, אבל אם יש לחם משנה לפני כל אחד מהם שאינם זקוקים לטעום מלחם משנה שלפניו יכולים לטעום ממה שלפניהם קודם שטעם הוא ממה שלפניו".

**כב.** הגה"ק בעל **ויחי יוסף מפאפא** זצ"ל.

ערשטע מצה און געגעבן פאר יעדן איינעם א שטיקל, און נאכדעם אויסגעטיילט פאר יעדן איינעם פון דער פרוסה א כזית, און נאכדעם האט ער גענומען בײדע שטיקלעך צוזאמען און געמאכט על אכילת מצה, אזוי ברענגט ער[כג], ער האט קודם געמאכט המוציא, און נאכדעם האט ער עס אויפגעבראכן און געטיילט מוציא'ס פון די שלימה און פון דער פרוסה כזיתים פאר יעדן איינעם, אזוי שטייט אין די מנהגים.

**רבינו:** אין וועלכע מנהגים?

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** אין די **מנהגי חתם סופר**[כד], ווען יעדער האט שוין געהאט אין דער האנט בײדע כזיתים פון דער פרוסה און פון דער שלימה [האט מען געמאכט דעם על אכילת מצה].

**רבינו:** ווי אזוי האט ער געקענט אויסטיילן פאר'ן גאנצן עולם?

**אחד הנוכחים:** ער האט געגעבן א קליין שטיקל, און צוגעלייגט אנדערע.

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** ער האט געקענט האבן מצות ביז א טפח.

**רבינו:** ניין, מען קען נישט אזוי, מען קען נישט אזוי גיך מאכן מצות[כה].

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** מען קען מאכן זייער שנעל, מער ווי פיר מינוט געדויערט נישט.

**רבינו:** היינט קען מען שוין מאכן [משא"כ בזמנו של החתם סופר].

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** דאס קנעטן, דאס וועלגערן, דאס רעדלען, דאס נעמט צייט.

**רבינו:** שטיפלען[כו].

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** מען האט געהאט א גרויסער אויוון.

**רבינו:** ווער האט געהאט אזא מין גרויסער אויוון ווי היינטיגע אויוונס?

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** דער יחמיץ מיד[כז] איז אויך א שווערער ענין, עס האט דאך נישט קיין שיעור, ביי אונזער מצה בעקריי קומט אמאל אויס אז מען דארף שטיין צען סעקונדעס, פופצן סעקונדעס. אז דער עולם איז פונקט פויל.

**רבינו:** ביי יעדן טיש שטייט אמאל א מצה.

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** אבער דארט איז נישט אזוי הייס [אצל השלחן, משא"כ אצל התנור].

**אחד הנוכחים:** ביים אויוון אין סאטמאר שטייט נישט קיינמאל קיין מצה, מיין ברודער זאגט, ווייל אין סאטמאר איז דא צוויי אויוונס.

**רבינו:** עס איז דא דריי אויוונס, היינט איז דא דריי אויוונס.

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** ביי אונז איז דא איין אויוון.

**רבינו:** עס איז איינגעשטעלט דער סיסטעם אז גארנישט שטיין נישט קיין רגע, עס פלעגט נישט זיין אזוי. **רבי יודל**[כח] האט אויפגעטראפן אין די לעצטע פאר יארן לעצטנס אז עס איז דא דריי אויוונס, איז דאס דער סיסטעם אז ממש עס שטייט נישט קיין רגע.

---

**כג.** במנהגי חתם סופר, כדלהלן.

**כד.** **במנהגי חתם סופר** (פ"י אות י"ז): "לקח הג' מצות דהיינו העליונה עם והתחתונה והפרוסה באמצע ובירך המוציא, ופירס כזית לכל אחד מן המסובים, ואח"כ לקח הפרוסה ופירס עוד כזית לכל אחד ואחד, אח"כ לקח את שני הזיתים סמוך לפיו ובירך עם המסובים ביחד ברכת על אכילת מצה, והכניס מהם מעט מעט לפיו ולעסו והניחו בצד הפה על הלחי השמאלית, ולאחר שלעס כל השני זיתים בלעם בבת אחת, וכן עשה בכזית מרור ובשני זיתים של הכריכה וגם בשנו זיתים של אפיקומן,.

**כה.** לכאורה כוונתו למ"ש **בשו"ת חת"ס** (השמטות לחו"מ סי' קצ"ו): "הנה אנחנו מקפידים שלא יהיה ולא ישהה מתחילת נתינת המים לקמח עד שתוציא המצה מהתנור אלא ב' או ג' מינוטין" עיי"ש.

**כו.** כלומר בזמנים הקודמים היו מנקבים המצה בעצים דקים לא ברעדלע"ך כנהוג היום (כנ"ל), וזה ארך יותר זמן.

**כז.** דאיתא **ברא"ש** (פסחים הל' פסח בקצר), **ובשו"ע** (או"ח סי' תנ"ט סעי' ב').

**כח.** הגה"ח ר' **יודא הכהן ראזענבערג** ז"ל מנהל בית האופה ד'סאטמאר.

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** לאחר שנתחמם העיסה[כט], מען ווייסט דאך נישט ווען עס מיינט נתחמם העיסה, פון קנעטן אליינס קען מען דאך נישט זאגן נתחמם העיסה, ווייל דעמאלס וואלט דאך אויסגעקומען אז עס הייסט אלץ נתחמם העיסה.

**רבינו:** ווילאנג מען ארבעט, שטייט כל זמן מען איז עוסק ווערט עס נישט קיין חמץ, נאר ווען עס איז שוין פארטיג, ביים אויוון איז טאקע זייער שווער.

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** למשל ווען מען שטיפלט א מצה, פון איין זייט שטיפלט מען, אבער פון דער צווייטער זייט ארבעט מען דאך נישט.

**אחד הנוכחים:** היינט מיט די רעדל גייט עס אין א סעקונדע.

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** היינט איז דא דער רעדל, אבער מען פלעגט דאך שטיפלען.

**רבינו:** יא איך האב אויך געבאקן, מען קען נישט באקן מצות אן וואס מען זאל שרייען "א מצה אין אויוון", עס מוז זיין.

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** אין שיקאגא איז דא דער [הג"ר אהרן] **סאלאווייטשיק**, ער איז זייער מקפיד נישט צו עסן קיין האנט מצות, ער גיט אן השגחה אויף "שטרייטס" ביי דעם הורוויץ זאגן זיי איז בעסער, אבער דער וועט נישט ארייגלאזן אין שטוב קיין האנט מצה, עס קען זיין אילו היה שם לא היה נגאל, אפשר וואלט ער נישט געגעסן דעמאלס אויך נישט.

**רבינו:** די מעל וואס מען באקט ביי שטרייטס, איז שוין חמץ בעפאר מען הייבט אן באקן, היינט איז מען לותת אלע מעל.

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** אפשר קויפן זיי שמורה.

**רבינו:** איך קען נישט אויסענווייניג, עס איז נישט מעגליך ער וויל האבן שמורה מעל. עס איז היינט אזוי גרויס, א גאנץ יאר טוט מען לותת זיין, עס איז נישט מעגליך אויסצוהיטן מען זאל עס אויסזויבערן.

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** מיר האבן געהאט דא די ישיבה דא אין קווינס נעבן הורוויץ, עס איז געווען צוויי דריי גאסן אוועק, בחורים פלעגן גיין קוקן, ער איז געווען פאר פסח די משגיחים זענען געווען קלים, מען האט געזאגט דאס איז שוין די השגחה, פראסטע גאנץ פראסטע.

**אחד הנוכחים:** מען האט נישט אויסגערייניגט די מאשינען, מען האט אנגעשטעלט די מאשינען, און עס האט געבלאזן און געגאנגען ווייטער.

**רבינו:** איך רעד נישט פון אויסרייניגן די מאשינען, איך רעד ביי די מעל, אז מען נעמט ווייץ צו מאלן, אבער אויף די זעלבע מיל איז דא אן אויפצוג וואס גייט ארויף אויבן, מען קען גאר נישט וויסן וואו עס איז, עס איז שוין אינדערהיים נישט געווען מעגליך אזא מיל אויסצוקלינען אין די היינטיגע צייטן.

**אחד הנוכחים:** עס האט מיר געזאגט א איד וואס האט געארבעט ביי הורוויץ, זאגט ער אז די מצה מעל איז חמץ גמור, ער זאגט מען נעמט א מיירע, מען וויל נישט עס זאל ווערן ברוין, עס זאל זיין ווייסע מצה מעל, לייגט מען ביים פי התנור א גאנצער שטיק טייג, מען טרוקנט עס אויס ביים פי התנור און נאכדעם צעמאלט מען עס, מען לייגט עס אפילו נישט אריין אין אויוון, ווייל עס ווערט אפגעברוינט, עס ווערט טונקל, זיי ווילן עס זאל זיין שיין ווייס, זאגט ער עס איז חמץ גמור[ל].

---

**כט.** עי' **שו"ע** (שם): "לא יניחו העיסה בלא עסק ואפילו רגע אחד. וכל זמן שמתעסקים בו, אפילו כל היום אינו מחמיץ; ואם הניחו בלא עסק שיעור מיל, הוי חמץ. ושיעור מיל הוי רביעית שעה וחלק מעשרים מן השעה. ויש להחמיר למהר בענין עשיית המצות, כי יש לחוש שהשהיות יצטרפו לשיעור מיל, או שיהיה במקום חם שממהר להחמיץ. ואחר שנתעסקו בבצק ונתחמם בידים, אם יניחוהו בלא עסק מיד יחמיץ".

**ל.** עי' **בשו"ת דברי יואל** (יו"ד סי' ל"ה אות ה', ועי' עוד סי' ע"ז אות ח'): "ובדבר המאשין מצות שכתב **הדברי חיים** שאינו רוצה לגלות הטעם, לפענ"ד דברי תורה עניים במקום אחד

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** עס שטייט נישט דערויף כשר לפסח.

**אחד הנוכחים:** יא פסח'דיגע מצות, דער ר' **שמעון פעלדמאן** [שעבד שם], ער האט עס מיר דערציילט, ער האט מיר געזאגט עס איז ממש חמץ גמור. אויף די מצות קען מען זיך מפלפל זיין יא חמץ נישט חמץ, אבער די פסח'דיגע מצה מעל איז חמץ גמור.

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** ביים **קרן לדוד** איז געווען די מעשה מיט די צוקער, ער האט געגעבן אן השגחה אויף צוקער, ער איז געקומען אין דער פאבריק דארטן, און מען האט חוזק געמאכט פון אים, וואס איז שייך צו געבן אן השגחה אויף צוקער, דארטן האט עס געהאט מיט פארעמס איז געגאנגען די צוקער, און ער האט זיך נישט ווויסנדיג געמאכט, ער איז געגאנגען קוקן, דארט זענען געווען אזעלכע פארעמס אויסגעשטעלט וואס מען האט אריינגעגאסן, עס איז געווען הייס און דארט האט זיך עס געטרוקנט, און ער איז געגאנגען בתמימות און ער האט געקוקט אין יעדן איינס פון די פארעמס, צום סוף האט ער געטראפן אין איינעם פון די פארעמס א בילקעלע, און זיי האבן זיך זייער פארשעמט די חברה, זיי האבן געזאגט, זיי פארשטייען נישט, עס איז נאך קיינמאל נישט געווען אזויינס, עס איז געווען עפעס אן ארבעטער, האט זיך באהאלטן דאס עסן ער איז געווען הונגעריג, און ער האט באהאלטן דארט א שטיקל ברויט. און נאכדעם האט ער געהאט מנוחה, ער האט געהאט צו טוהן מיט דער השגחה.

ועשירים במקום אחר, שבתנינא (חאו"ח סימן א') גבי המאשין ציצית גילה הטעם, כי ידוע אופני המאשין שמשתנים בכל עת, ומי יודע למחר מה יהי', וטעם זה הוא גם במאשין מצות, כי אילו הי' מגלה טעם האיסור הי' מקום לומר שיתקנו המאשין מאלו החששות, או היו מפלפלים בדבר, אבל דרך עשיית המאשין שמשתנה בכל יום וההיתר נשאר, כמו שהוא באמת בזמנינו שנעשו מאשינן בהמצאות חדשות ואופנים שכל המתירין שהיו אז לא היו מתירין אלו שבזמנינו בשום אופן, וכו'.

ולא ראיתי להאריך בפרט זה, כי האיש הנלבב די לו במה שכתב מרן הקדוש ז"ל דברי אלקים חיים שהוא חמץ, ועוד הרבה **גאונים וקדושים** שאסרו גם אז כל אופני המאשין בהחלט, וכל הטעמים שכתבו לאסור על תמונת המאשין שנעשה אז, **קל וחומר בן בנו של קל וחומר ששייכים על המאשינן הנעשים כעת כמבואר להמעיין, ואין לסמוך על המקילין שהיו אז, כי לא ראו את אופני המאשין שבזמנינו שברור שגרועים הרבה יותר**, ובדור הזה בודאי אין מי שיכול להכריע בדברים העומדים ברומו של עולם, והרוצים לסמוך על המקילים השכיחים בדור הפרוץ הזה בעו"ה גם בשאר ענינים ואינם מפחדים מדעת הראשונים, ק"ו שלא ישמעו לדעת הפעוט כמוני, והאריכות בזה הוא אך למותה, ולא באתי אלא להעיר, וד"ל".